בעזהשי"ת

גליון ט"ו
עש"ק
פ' יתרו
תשפ"ד
לפ"ק

# דורותינו

א פלאטפארמע פאר אייך - איבער אייערע דורות

הפצה נתנדב ע"י:

=וויליאמסבורג=
הר"ר אלטר ישראל ווייס הי"ו

=בארא פארק=
הר"ר אברהם שטראלי הי"ו

=מאנסי=
הרה"ג ר' נפתלי וואגשאהל שליט"א
לרגל נישואי נכדתו

=קרית יואל=
הר"ר אברהם חיים וויינבערגער שליט"א
לרגל הולדת בתו

לע"נ נעכא בת ר' שמעון משה ע"ה
(מייזעלס)
יארצייט שב"ק כ"ד שבט - נתנדב ע"י משפחתה

תשוח"ח להם, יהי"ר שיזכו לראות רוב נחת מכל יוצאי חלציהם ולהתברך בכל מילי דמיטב

הוֹי הַמַּעֲמִיקִים מֵה' לַסְתִּר עֵצָה וְהָיָה בְמַחְשָׁךְ מַעֲשֵׂיהֶם וַיֹּאמְרוּ מִי רֹאֵנוּ וּמִי יוֹדְעֵנוּ:

## אדוואקאט אין באהאלטענע געשפרעכן מיט די רעגירונג אין נאמען פון מוסדות התורה:

# "...מיר געבן אייך אהין די מוסדות!..."

ווי שוין באריכטעט אין דורותינו פרשת בא, זענען געוויסע מוסדות באשטעטיגט געווארן דורך די רעגירונג פאר צוויי חדשים צוריק אלץ נישט עקוויוועלענט צום פאבליק סקול, די מוסדות האבן באקומען א בריוו דאנערשטאג ווישלח (למסף' נאוועמבער 30) אז זיי דארפן ביז 60 טעג אריינגעבן א דעטאלירטן צייט-פלאן (טיים-ליין) ווען זיי גייען איינפירן אין זייערע מוסדות אלע סאבדזשעקטס וואס מען לערנט אין פובליק סקול רח"ל.

די ענדע פון די 60 טעג אריינצוגעבן דעם טיים-ליין ['טיים-ליין' באדייט: אז מען דארף אריינגעבן א פונקטליכן רשימה פון די 'תוכן הלימודים' וואס מ'פלאנט צו לערנען, און אויך א פונקטליכן 'לוח הלימודים' וועלכע סאבדזשעקט מען לערנט ווען, אויסגעשטעלט לויטן יאר, און ווען דער מוסד איז שוין געגוג גרייט אז די רעגירונג קען עס שוין קומען איבערקוקן] איז אויסגעקומען דעם פארגאנגענעם מאנטאג פ' בשלח (למסף' יאנעווער 22), און דער אדוואקאט פון אגודת ישראל האט געבעטן א פארלענגערונג צו דעם טערמין.

אצינד ווערט אויפגעדעקט אין א פארבארגענעם אימעיל אויסטויש, אז בשעת דער אדוואקאט פון די מוסדות האט געבעטן צו פארלענגערן דעם טערמין, האט מען שוין ליידער **'אויפגעהויבן דעם ווייסן פאן'** און פאקטיש זיך אונטערגענומען אויסצופירן און איינפירן די רעגירונגס פארלאנגן רח"ל.

פאלגענד איז אן אימעיל אויסטויש צווישן 'אבי שיק' מיט די סטעיט געציילטע טעג בעפאר דעם דעדליין, דינסטאג פ' בא (למסף' יאנואר 16):

### 10:32 אינדערפרי

דער אדוואקאט **'אבי שיק'** שיקט אריין א פארלאנג צו מר. **'דעוויד פרענק'** דער אסיסטענט קאמישאנער פון די **'סטעיט עדיוקעשאן דעפארטמענט'**, (דער בריוו ווערט אויך געשיקט צו עדווארד מיעסיא פון די 'סיטי', און צו אפיס אדמיניסטראטאר פון 'פערלס') ווי פאלגענד:

**"ווי איר ווייסט האבן צען מוסדות וואס זענען אפיליאירט מיט 'פערלס' באקומען א נעגאטיווע באשטעטיגונג בריוו, מיר** (אגודת ישראל\פערלס) **האבן געארבעט מיט די דערמאנטע מוסדות צוזאמען מיט די סיטי DOE צו אויסארבעטן די פונקטליכע צייט-פלאן און פלענס פאר זיי".**

**"כדי צו דערגרייכען דעם ציל, האבן מיר געהאט א זאָאם מיטינג מיט די סיטי באאמטע און די 10 מוסדות, איבערצושמועסן די פרטים פון די 'טיים-פלען'. און צוליב די ענליכקייט פון די פארלאנגען פאר די אלע מוסדות, איז פראקטישער צו ארבעטן צוזאמען אין א גרופע".**

**"איך שרייב דא מיט א בקשה, אז ד רעגירונג זאל געבן א פארלענגערונג אויפן דאטום ווען די פלענער דארפן זיין געענדיגט, ביז צום טאג פון מארטש 8** (פרייטאג פ' ויקהל)**, וואס דאס וועט ערמעגליכן צו פארענדיגן די ארבעט אויף די ריכטיגע אפעקטיווע וועג".**

### 11:41 אינדערפרי

עדווארד מיעסיא פון די סיטי שיקט אריבער דעם בריוו פון 'אבי שיק' צו זיין געהילף אין די סיטי DOE 'מר. ראבין זינגער'.

### 1:50 נאכמיטאג

מר. ראבין זינגער פון די 'סיטי', שיקט אן אימעיל צו 'מר. דעיוויד פרענק' פון די 'סטעיט' ווי פאלגענד:

**"אין נאמען פון די DOE, טוה איך אויך אנטייל נעמען אין די פארלאנג פון 'אבי שיק' צו בעטן פאר א פארלענגערונג ביז מארטש 8 פאר דעם אולטימאטום אריינצוגעבן די צייט-פלאן פון די 10 מוסדות וואס האבן באקומען די קאמישאנער'ס דעטערמינעשאן. מיר האבן זיך געטראפן מיט די מוסדות, און מיר פלאנירן ממשיך צו זיין אונזער קאלאבערירנדע ארבעט צו דעוועלאפן די צייט-פלענער צוגעשטעלט לויט יעדן איינציגן פון די מוסדות".**

### 2:59 נאכמיטאג

**מר. דעוויד פרענק** פון די **'סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט'** א אי-מעיל צו **מר. אבי שיק** און צו **מר. ראבין זינגער** פון די סיטי, ווי פאלגענד:

**"כדי צו קענען בעסער איבערטראכטן דעם פארלאנג, בעטן מיר ווי פאלגענד:**

**1) איר זאלט 'באשטעטיגן' אז עס איז ארויסגעוויזן געווארן א גוטער ווילן פון די מוסדות אינעם ריכטונג אויסצופירן די דאזיגע פלענער, איך הער דאס פון אייערע ווערטער, אבער מיר ווילן באקומען א קלארע באשטעטיגונג דערויף.**

**2) אויסרעכענען די נעמען פון די 10 מוסדות מיט וועלכע 'אבי שיק' ארבעט".**

### 3:37 נאכמיטאג

**'אבי שיק'** ענטפערט אויף די צווייטע פראגע, און רעכענט אויס די נעמען פון די 10 מוסדות [זעה בייגעלייגטן פאטאסטאט פונעם אימעיל].

### 5:16 נאכמיטאג

**מר. ראבין זינגער** פון די סיטי ענטפערט אן אימעיל אויף די ערשטע פראגע, ווי פאלגענד:

**"בנוגע די ערשטע שאלה; עס זענען געמאכט געווארן באמיהונגען פון גוטן-ווילן אינעם ריכטונג פון קאלאבארירן צו דעוועלאפן די 'טיים-פלענער'. מיר האבן זיך געטראפן מיט די אלע מוסדות, און איבערגעשמועסט מיט זיי די דעטאלן, וואס דארפן ווערן אריינגענומען אין די דאזיגע פלענער, וואס זאל האבן אריינגערעכנט -אבער נישט בלויז דאס- די קוריקולעם מאפע פאר אלע פיר קאור סאבזשעקטס פאר אלע יארגענג, און די לימודים פון די אלע איבריגע פארלאנגטע סאבזשעקטס, און ווי אויך דארף דאס אריינעמען די וועגן וויאזוי מען גייט דעליווערן די אלע סאבזשעקטס, צ.ב.ש. קוריקולעם מאטריאל, אסעסמענטס, לעססאן פלענער, און פאליסיס פאר אויפנעמען די טיטשערס".**

דער דאזיגער פאקט טוט אונטערשטרייכן דער שרעקליכער סכנה וואס לויערט איבער די רבבות תינוקות של בית רבן, דורך די **אומאחריות'דיגע עסקנים פון אגודת ישראל און זייערע מיטארבייטער, וואס אין די זעלבע צייט וואס זיי פארזיכערן די עלטערן אז מען 'קעמפט' קעגן יעדע מינדעסטע השפעה פון די רעגירונג און קעגן יעדן שינוי כל שהוא, האלטן זיי שוין באמת ביי די פאקטישע שטאפלען פון אריינברענגען די רעגירונג מיט אלע זייערע פארלאנגען אינערהאלב די מוסדות הקדושים ה"י.**

בניך ובנותיך נתונים לעם אחר

From: "Schick, Avi" <Avi.Schick@troutman.com>
Date: January 16, 2024 at 10:32:33 AM EST
To: David Frank <David.Frank@nysed.gov>, Edwards Mieasia <MEdwards24@schools.nyc.gov>
Cc: Yossi Grunwald <ygrunwald@pearlsny.org>
Subject: Timeline and Plan

David

I hope you are well and the New Year is off to a good start.

As you know, ten schools affiliated with PEARLS received a negative determination letter just before Thanksgiving. We have been working with those schools and the DOE to develop plans and timelines for those schools.

Toward that end, this past Friday we had a zoom meeting with DOE and all ten schools to discuss the parameters of the timelines and plans. Given the common issues for all schools, it makes sense for the group to work together.

I am writing to request an extension of the date by which the plans and timelines must be completed. We respectfully request a new completion date of March 8, 2024. This will allow us to complete the work in an effective manner. It also takes into account that I will be overseas of 10 days in mid-February.

Thank you for your consideration,

Avi Schick
**Avi Schick**
Partner
troutman pepper
Direct: 212.704.6126 | Internal: 13-6126
avi.schick@troutman.com

From: Edwards Mieasia <MEdwards24@schools.nyc.gov>
Sent: Tuesday, January 16, 2024 11:41 AM
To: Singer Robin <RSinger4@schools.nyc.gov>; Accamando Emily <EAccamando@schools.nyc.gov>; Mullings Jason <JMullings2@schools.nyc.gov>; Harrison Kerianne <KHarrison12@schools.nyc.gov>; Weinbaum Eric <EWeinba@schools.nyc.gov>
Subject: Fwd: Timeline and Plan

Begin forwarded message:

From: Singer Robin <RSinger4@schools.nyc.gov>
Sent: Tuesday, January 16, 2024 1:50 PM
To: David Frank <David.Frank@nysed.gov>; Schick, Avi <Avi.Schick@troutman.com>
Cc: Edwards Mieasia <MEdwards24@schools.nyc.gov>; Yossi Grunwald <ygrunwald@pearlsny.org>
Subject: Re: Timeline and Plan

Dear David,

On behalf of the DOE, I write to join in Avi's request for an extension until March 8, 2024 of the deadline to submit timelines and plans for the 10 schools he represents that received Commissioner Determinations on November 21, 2023. We have met with these ten schools, and plan to continue collaboratively working with them to develop timelines and plans tailored to the instructional program of each school.

Thank you,
Robin

**Robin F. Singer**
Executive Deputy Counsel for Budget, Operations, and Compliance
Office of General Counsel
New York City Department of Education
52 Chambers Street, Room 308
New York, New York 10007
Phone: (212) 374-7536
Email: RSinger4@schools.nyc.gov

On Jan 16, 2024 2:59 PM, David Frank <David.Frank@nysed.gov> wrote:
CAUTION: This message came from outside the firm. DO NOT click links or open attachments unless you recognize this sender (look at the actual email address) and confirm the content is safe.

Avi and Robin,

I hope you are both doing well. Thank you for this email. So we can best consider this request, can you:

1. Verify that good faith efforts have been made towards developing this plans (it sounds like it but we want to confirm that); and
2. Can you enumerate exactly which schools are the 10 that Avi is working with?

Than you as always for your work on this.

Sincerely,

David Frank

From: Schick, Avi <Avi.Schick@troutman.com>
Sent: Tuesday, January 16, 2024 3:37 PM
To: David Frank <David.Frank@nysed.gov>; Singer Robin <RSinger4@schools.nyc.gov>
Cc: Yossi Grunwald <ygrunwald@pearlsny.org>; Edwards Mieasia <MEdwards24@schools.nyc.gov>
Subject: RE: Timeline and Plan

David

Here is the list of the 10 schools:

1. Yeshiva Machzikei Hadas
2. Yeshiva Torah V'Yirah Bais Rochel
3. Yeshiva Beth Hillel of Williamsburg
4. Yeshiva Mosdos Chasidei Square
5. Yeshiva Yesode Hatorah
6, Yeshiva Bnos Ahavas Israel
7. Yeshiva Torah V'Yirah
8. Yeshiva Mosdos Chasidei Square
9. Yeshiva Bnei Zion
10. Yeshiva Beth Hillel of Krasna

Thanks,

Avi
**Avi Schick**
Partner
troutman pepper
Direct: 212.704.6126 | Internal: 13-6126
avi.schick@troutman.com

From: Singer Robin <RSinger4@schools.nyc.gov>
Sent: Tuesday, January 16, 2024 5:16 PM
To: Schick, Avi; David Frank
Cc: Yossi Grunwald; Edwards Mieasia
Subject: Re: Timeline and Plan

Hi David,
As to your first question, good faith efforts have been made toward collaboratively developing thes[e] timelines and plans. We have met with the schools and discussed the elements that must be incl[uded in] the plans, including, but not limited to, curriculum mapping in the four core subjects for all grades[,] description of curricula for the other statutorily required subjects, as well as deliverables (such as curriculum, assessments, lesson plans, and teacher hiring policies).
Please let me know if you need any additional information.
Thank you,
Robin

**Robin F. Singer**
Executive Deputy Counsel for Budget, Operations, and Compliance
Office of General Counsel
New York City Department of Education
52 Chambers Street, Room 308
New York, New York 10007
Phone: (212) 374-7536
Email: RSinger4@schools.nyc.gov

העלו חרס בידם ...

# פרישע פראבע פון 'אגודת ישראל' מיט זייערע אפיליאירטע צוריק צו פאראייניגן מוסדות התורה אין בארא פארק אונטער זייער פירערשאפט: דורכגעפאלן

נאכדעם וואס עס איז ב"ה אנשטאנען א גרויסע אויפוואכונג אין די אידישע גאס אקעגן דאס נאכקומען די רעגירונג פארלאנגען, און רוב מוסדות התורה אין נ.י. האבן גענומען דעם זעלבסשטענדיגן מהלך עפ"י דעת תורתינו הקדושה, האט 'אגודת ישראל' מיט 'פערלס' -דערזעהנדיג זיך אין א פארלעגנהייט- פאררופן א דרינגענדע זיצונג דעם מיטוואך פ' יתרו מיט די אדמיניסטראטארן פון די מוסדות התורה אין בארא פארק, מיטן ציהל צוריק צו פארכאפן דעם אויבן אן אין דעם נושא פון גזירת החינוך, און צו האבן די מיטארבייט פון אלע מוסדות מיטצוגיין מיט זייער מהלכים ווייטער.

ביי די אסיפה האט צום ערשט **אויפגעטרעטן מר. צוויבעל פון אגודת ישראל**, ווען ער איז אויפגעקומען מיט א שטוינענדן חידוש, נעמליך אז די אגודה האט גאר באמת קיינמאל נישט גענומען קיין שטעלונג איבער דעם פעטוועי', און אפילו נישט 'געהאט קיין אינטערעסע' אז מען זאל נעמען א פעטוועי, נאר יעדער זאל טוען אזוי ווי זיינע רבנים האבן געהייסן... **"דעריבער פון יעצט און ווייטער לאמיר זיך ווייטער פאראייניגן, אונזער ארגינאזאציע שטייט גרייט צו העלפן אלע מוסדות צוגלייך, אפגעזען אויב ער האט גענומען א פעטוועי'..."**

און כדי אהערצושטעלן דעם רושם אז ער מיינט עס ערנסט, האט ער געשילדערט די גזירה זייער שארף..., זאגנדיג אז אויב זאל מען דארפן לערנען אלע סובדזשעקטס וועט עס מיינען אננעמען לימודים פון תועבה און דיעות כוזבות וכו'.

דאן האט אויפגעטרעטן דער אדוואקאט פון די אגודה **'אבי שיק'** און פארגעשטעלט זיינע ווייטערדיגע פלענער.

דערנאך האט א שליח פון פערלס זיך אויפגעשטעלט און אנגעהויבן ערקלערן אז מ'דארף וויסן **"אז דאס וואס מאנכע מאכן אן איבערקערעניש אז מ'וויל דא כאילו לערנען תועבה און כפירה, איז 'חלומות און דמיונות'!... די רעדע איז פשוט פון עפעס א קוריקולעם, און ס'איז נישט געפערליך... מ'דארף זיך נישט זארגן, איבערהויפט אז א חלק דערפון האט מען אלעמאל געלערנט... און די קאריקולעם איז נישט עפעס צו זיין באזארגט דערוועגן..."**.

הערנדיג דעם לעגענדע, האט זיך אויפגעשטעלט א לאנג-יעריגער אדמיניסטראטאר פון א חשובע מוסד אין בארא פארק, און מיט דרייסט האט ער זיך אנגערופן: **"דא רעדט מען גארנישט פון 'חלומות און דמיונות', נאר פון 'פאקטן און** «

## עומדים עלינו לכלותינו...

# שונאי ישראל פון 'יאפפע"ד אין מאושען פארן געריכט:

## "פאנדינג איז די איינציגסטע מיטל וואס רעגירונג קען נוצן אנטקעגן מוסדות התורה"

די רשעי ישראל פון די **פארשאלטענע יאפפעד ארגעניזאציע** וועלכע האבן אנגעהעצט די גאנצע גזירה אנטקעגן דעם יהדות החרדית האבן דעם מאנטאג פ' יתרו אריינגעגעבן אין געריכט א **'אמיקעס'** [פריינט פון געריכט בריוו] אין די אנגייענדע געריכטליכע פראצעדור ווי זיי שפייען ווידעראמאל מיט שרעקליכע בלבולים און וויסטע העצע איפן גאנצן חינוך סיסטעם פון דעם היימישן ציבור.

צווישן זייערע טענה'ס ברענגען זיי אויך ארויס, דאס זעלבע וואס די 'סטעיט' האט געטענה'ט- ווי באריכטעט אין דורותינו פ' בשלח (זע דאקאמענט).

To be sure, a negative substantial equivalency determination has consequences for both parents and a nonpublic school. It means parents cannot satisfy their obligations under the Compulsory Education Law by sending their children to the school. *See* Education Law § 3212. It also means students are not entitled to transportation to and from the school, *id.* § 3635(1)(a), and the school is not entitled to state aid, L. 1974, ch. 507. These consequences might result in the school having to close. But they are not "penalties" akin to the civil and criminal penalties for parents who fail to cause their child to attend upon instruction. *See* Education Law §§ 3212(2)(b), 3233. Instead, these consequences reflect the reality that a nonpublic school which fails to provide substantially equivalent instruction is not a full-fledged "school" within the meaning of the Compulsory Education Law and cannot receive public funds in the same way as a nonpublic school which fulfills the requirements of the Compulsory Education Law.

18

סטעיט אפיעל פאפירן פאריגע וואך, וואו זיי דריקן אויס צווישן פילע מאל אז די בלויזע קאנסקווענצן וואס זיי קענען אפיר נעמען די מוסדות איז מיט געלט

נעמליך אז די געריכט ווערט פארפירט דורך די אנקלעגער כאילו די רעגירונג וויל פארמאכן די מוסדות, וואס איז נישט אמת, ווייל די רעגירונג קען נישט פארמאכן קיין מוסד!, דאס טוט בלויז פארפלאנטערן דעם געריכטליכן צוגאנג צו דעם גאנצן ענין, ווייל דאס שאפט א איינדרוק אז די רעגירונג וויל פארמאכן אידישע מוסדות.

זיי טענה'ן אבער אז די רעגירונג דארף סך הכל האבן די מאכט אפצוהאקן די פאנדינג וואס זענען רעזערווירט פאר שולעס.

אזוי אויך זעט מען אין זייערע שורות זייער שטארקע דראנג אז מען זאל קענען שניידן פאנדינג, ווען זיי שרייבן אז צו לאזן ניו יארק צו פאנדן די מוסדות, אזאלכע וואס שטעלן נישט צו די פארלאנגטע עדיוקעישן, איז גאר קעגן די קאנסטיטוציע.

The IHIP system was never intended to become a stopgap solution to relieve schools of their regulatory burden. Proposed *Amici* has concerns that neither NYSED, nor the LSAs could handle enrolling thousands of students into IHIPs instantaneously and have the capacity to monitor and administer such a rollover.

Nor was administrative feasibility considered when Supreme Court concluded that parents could use the IHIP process to fill in their child's educational gaps. Expecting to use the IHIP process in such a way while also expecting a parent to comply with all of the requirements the Education Law sets forth as the child spends

[15] See https://cdn-blob-prd.azureedge.net/prd-pws/docs/default-source/default-document-library/individualized-home-instruction-plan-ihip-grades-1-6.pdf?sfvrsn=27ba3c57_6 as accessed on January 17, 2024.

17

אין זייערע פאפירן זעט מען אויך זייער שטרעבן אז די שמד החינוך זאל דייקא גיין דורך די מוסדות, ווען זיי באקלאגן זיך אויף דעם איצטיגן פסק פון ריבא, וואס האט אראפגענומען דעם התחייבות פון די מוסדות, שרייבענדיג אז עס איז נישט שייך צו אינפארסירן דעם חינוך געזעץ אן דעם, ווייל עס איז אוממעגליך פאר די רעגירונג נאכצוגיין טעכניש אזויפיל טויזנטער עלטערן.

Law, but they remain religious institutions that the First Amendment prohibits New York from closing. Although protected from direct closure, religious institutions are not entitled to benefits reserved to schools. Forcing New York to fund such institutions by preventing NYSED from deeming such institutions non-compliant with the Compulsory Education Law, violates the Establishment Clause.

Petitioners-Respondents spend an inordinate amount of space in their brief desperately trying to construe the denial of funds intended for the use of schools educating their students as some kind of punishment. *See* Brief for Petitioners-Respondents, pgs. 3, 6-10, 18-22, 28, 35-36, 46, 48. While employing euphemisms such as "services" Respondents mean public funding for things like transportation, books, and Mandated Services Aid (MSA). These funds are provided to schools deemed compliant with the Education Law on condition that the school will exercise discretion in providing services to their children. Such funds are indeed for the children, but they go to schools.

19

די שונאי ישראל פארשטייען אויך אז די איינציגסטע וועג ווי אזוי די רעגירונג קען באמת אינפארסירן מען זאל זיין סובסטענשול עקוויוועלענט, איז בלויז דורך פאנדינג.

שיודעים מטמוניות שבכם ■

## אכן נודע הדבר:

# 'פעטוועי'; א געשעפט צו מאכן געלט פאר די מוסדות

אין א בריוו פון דעם פארשטייער פון **'אגודת ישראל' מר. צוויבעל צום סטעיט אסיסטענט קאמישאנער 'דעיוויד פרענק'**, דאטירט - דינסטאג פרשת חיי שרה, כ"ג חשון תשפ"ד (ולמספרם נאוועמבער 7) שרייבט ער פאר די רעגירונג מיט פארלאנג אז **"די מוסדות דארפן באקומען פרישע רייזיגע געלטער כדי צו קענען איינפירן אין די מוסדות די פארלאנגען פון די רעגירונג, געוואנדן לויט דעם געקליבענעם פעטוועי".**

דער אימעיל ווערט געשיקט אונטער אן אפיציעלן ארגענעזאציע נאמען **'NYS קאאליציע פאר פריוואטע און רעליגיעזע סקולס'**, וואס איז א ארגענעזאציע וואס די אמעריקאנער אגודה האט אויפגעשטעלט אינאיינעם מיט די רעפארמער און פארשטייער פון פארשידענע גוי'אישע געמיינדעס, צו ארבעטן אויסצוטרעטן וועגן פאר די פארשידענע פאנדינגס פון די רעגירונגס קאסע פאר פריוואטע שולעס.

אינעם דערמאנטן בריוו רעכנט אויס מר. צוויבעל פאר די סטעיט באאמטע, פארשידענע ריזיגע געלטער פון צענדליגע מיליאנען וועלכע ער בעט אז די רעגירונג זאל באשטעטיגן, אינעם דריטן סעיף שרייבט ער, אז מען דארף באשטימען פאר אלע מוסדות פרישע געלט שטיצע פאר די קאסטן פון ווערן 'עקיווילענט', אפגעזעהן פון וועלכע 'פעטוועי' דער מוסד וועט נעמען, צב"ש 'עסעמענטס' (פעטוועי 6) אדער 'אקרעדיטעישאן', אדער **LSA Review** - קומט זיך פאר די מוסדות פרישע געלטער פאר די נייע הוצאות נאכצוקומען די רעגירונגס פארלאנגן.

עס שטעלט זיך ארויס אז די פעטוועי אגיטאציע איז פשוט נאך א מיטל ווי אזוי אויסצומעלקן די רעגירונג קאסעס, וואס דאס איז דאך אפיציעל די ראלע פון אגודת ישראל מיט אלע זייער בקשות, שתדלנות, און הישגים.

תן לי הרכוש והנפש קח לך! ■

N.Y.S. COALITION FOR INDEPENDENT & RELIGIOUS SCHOOLS

- Agudath Israel of America
- Association of Christian Schools International / NYS
- Jewish Education Project
- Lutheran Schools Association
- NYS Association of Independent Schools
- NYS Catholic Conference

November 7, 2023

David Frank
Assistant Commissioner
New York State Education Department
89 Washington Avenue
Albany, NY 122345

Dear Assistant Commissioner Frank,

**Substantial Equivalency:**
Prior to the promulgation of the Part 130 Substantial Equivalency regulation, the department created a BOCES CO-SER (activity code 5917) to ensure that public school districts received state financial aid to support their responsibilities under the regulation. The department has yet to address the costs faced by religious and independent schools as a result of the regulation. Thus, equity dictates that the costs substantial equivalency mandates be added to those reimbursable mandated services. Reimbursements would include costs associated with registration, accreditation, assessments, or LSA review, depending on the particular pathway selected by the school. We are working to determine an estimated cost.

**Academic Intervention Services (AIS):**
Academic Intervention Services has been funded at $925,000 - notwithstanding consistent advocacy - for decades, without increase. When this program was first introduced during the Pataki administration, the estimated cost to fulfill all needs was $20 million. The full cost of providing proper intervention services today is at least $35 million. In addition, schools administer a range of assessments aside from the state ELA and Math tests to measure student performance. Eligibility for AIS reimbursement should be expanded to include students needing intervention identified through all approved assessments, not just the state assessments. Moreover, schools provide a range of needed interventions beyond those for which AIS reimbursement is currently permitted. Expanding students/school eligibility, allowable expenses, and available funding is long overdue and needed to ensure schools can meet the expectations under the substantial equivalency regulation.

**Computer Based Testing:** In 2024 Religious and Independent Schools are required to comply with NYSED's Computer Based Testing (CBT) procedures. Therefore, the parameters for the mandate of testing should be amended to include the following additions that are required to implement CBT. These parameters are in addition to all existing testing parameters.
1. The depreciation value of the devices used for CBT for the number of days that CBT is in process based on the average usage of a device for 3 school years.
2. The daily cost of a school's Internet service for the days that CBT Is in process.
3. The daily cost of a school's computer network technician for the days that CBT is in process.
We estimate a cost of **at least** $5 million to implement the required CBT program in 2024, but reiterate the need to convene the MSA Workgroup to develop a more accurate estimate.

Sincerely,

James Cultrara David Zwiebel

Co- Chairs

465 State Street ■ Albany, New York 12203 ■ 518-434-6195

# רבני'שע פירער פון אגודת ישראל:

# פעטוועיס וועלן קיין סאך נישט העלפן קעגן רעגירונג אינספעקשענס!

1/31/24, 1:29 AM Yeshiva Dean Warns 'Pathways' May Lead Nowhere | The New York Sun

The New York Sun Join

EDUCATION

Yeshiva Dean Warns 'Pathways' May Lead Nowhere

A single complaint to the state education department can trigger a substantial equivalence review — even for exempt schools.

אין די אנגייענדע אפיעלס קאורט איבער די גיידליינס, האט **הרב רייזמאן ר"י תורה ודעת, און חבר מועגה"ת פון אגודת ישראל,** אריינגעגעבן אן אפידעוויט אין געריכט, אז אפילו אזעלכע מוסדות וואס זענען אונטער די קאטעגאריע פון איינע פון די 6 פעטוועיס, זענען נאך אלץ אונטער א סכנה פון די שווערע אינספעקשאנס.

זיינע ווערטער זענען ציטירט אין אן ארטיקל אין **'די ניו יארק סאן',** ווי זיי ברענגען אז **הרב רייזמאן** טענה'ט אז **אפילו זיין ישיבה וואס לערנט גאר א גוטע ענגליש, און זייער היי סקול** (ישיבה קטנה) **נעמט רידזשענטס טעססט**, וואס גיבט זיי די געלעגענהייט צו נוצן **פעטוועי 1 פון רעגיסטרירטע היי סקולס, מיט דעם אלעם איז ער בכלל נישט פארזיכערט אז די פעטוועיס וועלן ראטעווען זיין מוסד פון די שווערע אינספעקשאנס.**

ער צייגט אן איבער די געפאר, **אז די גיידליינס האט געגעבן ברייטע רעכטן פאר סיי וועם אריינצוגעבן א מסירה אנקלאגע קעגן א מוסד אז זיי לערנען נישט אלעס וואס ווערט פארלאנגט, און דאן פאלט דער מוסד תיכף אונטער די שטרענגע אינספעקשאנס.**

ער ברענגט ארויס אז **וויבאלד עס געפינט זיך היינט צוטאגס גאנצע'טע ארגאניזאציעס וואס זוכן אונטערצוברענגען די ישיבות, ממילא איז יעדע אייציגע מוסד**, אפילו די וואס האבן די אפציעס פון איינע פון די פעטוועיס, **א קלארע ציהל ברעט פון די מסירות** און וועלן ווארשיינליך דארפן דורכגיין א גרינטליכע אינספעקשאן.

עֲלוּבָה עִיסָה שֶׁנַּחְתּוֹמָהּ מֵעִיד עָלֶיהָ ■

» **רעאליטעט!' איך האב אליין אוועקגעגעבן אסאך צייט דורכצולייענען די סאבדזשעקטס, איבערהויפט די 'סאשעל סטאדיס' און 'סייענס' סאבדזשעקטס וואס די רעגירונג פארלאנגט, און עס 'איז אנגעפילט מיט א געפערליכע כפירה'דיגע און תועבה'דיגע אינהאלט!".**

און לויט ווי די געזעץ שרייבט פאר קומט **אויס אז מיר גייען דארפן לערנען דאס וואס מ'לערנט אין פובליק סקול!**

דערביי האט ער זיך געוואנדן צום אדוואקאט: **"איז דאס ריכטיג?"**

אויף דעם האט דער אדוואקאט געענטפערט: "מען דארף נישט לערנען פונקטליך אלעס אזוי ווי אין פאבליק סקול, אבער איר זענט גערעכט אז עס מוז זיין 'זייער ענליך' צום פאבליק סקול'ס קוריקולים!"

אויף דעם האט דער אדמיניסטראטאר צוריק געווארפן: - **"דאס הייסט אז מען וועט נאר דארפן לערנען 'האלב' תועבה... און 'האלב' כפירה?!..**

אויף דעם איז געקומען דער אנטווארט פון דעם אדוואקאט **"יא! איר זענט גערעכט! מען דארף יא זיין באזארגט איבער דעם קורוקילום וואס דער רעגירונג פארלאנגט!"**

דער אדמיניסטראטאר האט ווייטער ארויסגעברענגט מיט שטוינונג, די גאנצע גזירה איז דאך נאר צושטאנד געקומען צוליב די יאפעד ארגעניזאציע, וואס זייער גאנצע ציל איז דאך חרוב צו מאכן אונזער חינוך, און זיי זענען דא כסדר צו פארזיכערן אז די רעגירונג זאל דאס אינפארסירן און נאכקומען עד הסוף, **ממילא איז אומפארשטענדליך און זינלאז דער גאנצער מהלך פון פרובירן מיטצוגיין און זיך לאזן איינרעדן אז מען וועט מיט די צייט קענען פטור ווערן פון די רעגירונג אן דורכפירן זייערע פארלאנגען?!**

**"פארוואס אין די וועלט זאל יאפעד נישט באקומען א בעסערן אפעטיט און חשק ווייטער צו שטופן די גזירה עד הסוף, זעהנדיג ווי דעם פארגאנגענעם יאנואר 5 האבן פילע מוסדות זיך צוגעשטעלט צו די רעגירונגס פארלאנגן מיטצוגיין מיט די פעטוועיס, און אנפאנגן איינצופעדעמען די למעשה'דיגע שטאפלען פון די רעגירונגס פארלאנגן?!"** - האט ער געפרעגט מיט ווייטאג.

דער פארזאמעלטער עולם איז שטארק באגייסטערט געווארן פון זיינע קלארע דרייסטע ווערטער, אז דער גאנצער מהלך פון מיט-ארבייטן מיט די רעגירונג זיך אדורכצוקומען קען אפילו נישט פראקטיש מצליח זיין, לויטן מציאות, און דער איינציגסטער וועג איז נאר דורך אראפשטעלן א פאראייניגטע שטארקע פראנט, און זאגן פאר די רעגירונג מיט דרייסטקייט אז 'מיר קענען נישט', און 'מיר וועלן נישט' אויספירן אייערע פארלאנגען פאר קיין שום פרייז.

ניצוץ אחד יוצא ושורף... ■



והי' עיניך רואות את מוריך...

צו מנדב זיין א גליון, פאר הערות, און צו באריכטן נייעס, רופט: 845-237-4779 | אזוי אויך קען מען ערהאלטן אין אימעיל אלע דאקומענטן וועלבע
צו באקומען דעם גליון אויף בלי'ץ-פאסט שיקט א אימעיל צו: DOROISEINY@GMAIL.COM | ערשיינט וועבענטליך דורכן איינשרייבן ביים אויבערדערמאנטן אימעיל